

גליון תורני

# שערי מדע

הרחבת הדעת בהיסטורי' וידיעות טבעיות
סביבות תבל ומלואה בהשקפה תלמודית

פרשת

## וישלח

תש"פ לפ"ק

נושא השבוע

הרב
**משה נחום קרויס**
עורך

## פארווארט

דער נביא הושע איז אונז מנבא: **כי נער ישראל ואהבהו וגו' ואנכי תרגלתי לאפרים קחם על זרועותיו ולא ידעו כי רפאתים.** הקב"ה אונזער טאטע האט אונז ליב, צוליב זיין ליבשאפט צו אונז -זיינע קינדער, טראגט ער אונז כביכול אויף זיינע ארעמעס אויף זיינע איקסלען. דער צדיק רבי משה פון קוברין זצ"ל האט געזאגט פאר זיין פטירה: מ'האט מיר געוויזן אלע מיינע טעג פון מיין לעבן, והימים הירודים והאפלים הם המאירים ביותר, די נידריגע און טינקעלע טעג זענען געווען די ליכטיגסטע. די רעיון איז געווען א מקור להשראה פארן קדוש וטהור **דער הייליגער פיאסינעציער זצ"ל הי"ד** רבי קלונימס קלמיש שפירא. אין זיין יומן האט דער קדוש געשריבן: **גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע כי אתה עמדי,** ערקלערט ער: **החושך כמקור לאור, את ההסתר האלוקי כמקור להארה ולגילוי האנושי.** טינקעלקייט איז דער מקור צו לעכטיגקייט. חושך, טינקעלקייט, די תחושת הגלות און די ניתוק איז מעורר א כמיהה א בענקעניש אינעם מענטשנ'ס הארץ, א בענקעניש צי חיבור צי רוחניות. ווי טונקעלער ווי פארהוילן ווי פאראהאקט אלס מער ווערט די רוחניותדיגע תגובה שטערקער און שטארקער.

חנוכה תש"ב ווען שווארצע וואלקענעס האט פארדעקט דאס שיין פונעם זון, אבער עס האט ארויסגעברענגט די לעכטיגקייט פון די אידישע הערצער. האט דער פיאסינעצער גערעדט דברי אמונה וחיזוק צו זיין עדה הקדושה, צווין אנדערע האט ער געזאגט: 'אמונה' דארף זיין מסירות נפש, וואס איז מסירות נפש ביי אמונה? אפילו בעת ההסתר זאל מען גלייבן בו יתברך און אלסדונג פון

אים איז צו גוטן און אלס איז בצדק מיט רעכטיגקייט. און אז אלע 'יסורים' זענען פיל מיט אהבת השם פאר אונז אידן.

כל לבב דוי וכל ראש לחלי, אונזער הארץ איז צובראכן, אונזער קאפ איז נישטא, מיר פארשטייען נישט אבער מיר פרעגן נישט, עס איז אונז טינקל זייער טינקל, אבער עס איז זייער לעכטיג. ווער קען דען זאגן? ווען קען דען רעדן? מיר קענען נאר זיין שטיל אדער וויינען, עס טוט זייער וויי, עס רייסט, עס ציפט און עס ברענט, מה נאמר? ומה נדבר? איי אם הבנים א לעכטיגע אידישע מאמע א אשת חיל, מאמע מאמע, בניה מבכים על אמם. בעלה מבכה עליה, היתה כאניות סוחר ממרחק תביא לחמה, אוי אוי, עוז והדר לבושה ותחשק ליום אחרון!

משה הערש, משה הערש. דער עסקן הכלל החסיד רבי משה דוד הי"ו האט צעוויינט פאר די גאנצע וועלט און געפרעגט מיט בכיות? הונדערטער קוילן אין א 24 יעריגע אינגע נשמה, פארוואס? די זעלבע פראגע האבן די תלמידים פון רבי יהודה בן בבא געפרעגט זייער רבי'ן. חז"ל פארציילן אין מסכת סנהדרין (יד) ווען די מלכות הרשעה האט גוזר געווען אז **כל הסומך ייהרג וכל הנסמך ייהרג, ועיר שסומכין בה תיחרב, ותחומין שסומכין בהן יעקרו**, וואס האט רבי יהודה בן בבא געטוהן? ער האט זיך געזעצט צווישן צוויי גרויסע בערג ווייט פון א שטאט כדי עס זאל נישט חרוב ווערן, ער האט דארט סומך געווען די פינף זקנים: רבי מאיר, רבי יהודה, רבי שמעון, רבי יוסי און רבי אלעזר בן שמוע. ווען רבי יהודה בן בבא האט געזעהן ווי די שונאים האבן זיי באמערקט, האט ער געזאגט פאר זיינע תלמידים, **בני, רוצו!** מיינע קינדער אנטלויפט! **אמרו לו, רבי מה תהא עליך? אמר להן: הריני מוטל לפניהם כאבן שאין לה הופכים.** רבי יהודה בן בבא האט געזאגט פאר זיינע תלמידים, איך וועל דא בלייבן און מושך זיין די רומאים צו מיר מיט די האפענונג אז זיי זאלן אויסגעבן זייער גאנצע כעס אין מיר, און ענק זאלן קענען אנטלויפן (עיין יעקב). דערציילן חז"ל: **אמרו, לא זזו משם**, די רומאים זענען נישט אוועק פון דארט, **עד שנעצו בו שלש מאות לונביאות של ברזל ועשאוהו ככברה**, זיי האבן זייער גאנצע כעס זיך אויסגעגבן אויפן הייליגן תנא רבי יהודה בן בבא און אים געשטאכן דריי הונדערט מאל, זיין הייליגע גוף איז געווארן ווי א זיפל. - משה הערש האט מיט דיין הריגה האסטו געראטוועט צוויי אידן, ביזט געליגן כאבן שאין לה הופכים. מסירות נפש האסט דיין נפש איבערגעבען פאר די נידריגע שמוציגע בני חם די פארשאלטענע פאלק, און מיט דעם האסטו געראטוועט דורות, משה הערש, האסט טאקע קיין דורות נישט איבערגעלאזט, אבער די דורות פון די צוויי געראטעוועטע זענען דיינע דורות, האסט מקיים געווען נפשות בישראל עולם אדער עולמים מלאים.

*איכה אלי קוננו מאליו,*

*בן שמונה שנה החל לדרש מאלוקיו,*

***בני חם** בעברם חנו עליו,*

*ולא הזכר לו שגוי מפעליו.*

*עודנו עוצם עיניו בגויו נוחצים,*

***חץ אחר חץ מורים ולוחצים,***

*צדוהו ושמוהו כמטרה לחצים*

*ויזרקו בו שלש מאות חיצים*

*קלים הטו אחריו אזון מוצא פיהו,*

*ועד מיצוי נפש מעשיו הפיהו,*

*רוח שפתיו הפצה מפיהו,*

*צדיק הוא ה' כי מריתי פיהו*

אט אין די קינה (לתשעה באב) איז רבי אלעזר הקליר מתאר די טראגישע פטירה פון יאשיהו המלך. א פחד כאפט אן ווען מ'קוקט אריין במסכת תענית (כב): **וירו היורים למלך יאשיהו, ויאמר המלך לעבדיו העבירוני כי החלתי מאד, אמר רב יהודה אמר רב מלמד שעשו כל גופו ככברה.** די 'בני חם' (מצרים) האבן מיט א רציחה געלעכערט זיין קערפער. חז"ל זענען מסיים: **כי הוה ניחא נפשיה חזא ירמיהו שפוותיה דקא מרחשן, אמר** (ירמיהו) **שמא חס ושלום מילתא דלא מהגנא אמר אגב צעריה, גחין ושמעיה דקא מצדיק עליה דינא אנפשיה וכו' פתח עליה ההיא שעתא: רוח אפינו משיח ה'.**

**מי שאמר לעולמו די יאמר לצרותינו די, הקב"ה זאל מנחם זיין את אבלי דזשערסי סיטי ומשפחתיהם.**

*

עת לבכות ועת לכתוב. מיר האבן געהאט געפלאנט בעז"ה צו שרייבן איבער א נושא וואס וואלט זייער אינטערעסירט דעם ציבור, אבער ווי קען מען יעצט זיך זעצן שרייבן על דא ועל הא ווען כלל ישראל איז צעטרייסעלט איבער די טראגישע רציחה פון צוויי הייליגע נשמות קדושים וטהורים. דעריבער וועלן מיר שרייבן איבער א נושא וואס פארמאגט א תועלת און א חיזוק זאל עס זיין לעילוי נשמת הני קדושים וטהורים הי"ד.

## צפור הפלאים

אליעזר עבד אברהם האט זיך אמאל געטראפן מיט שם בן נח. איבערוואס האבן זיי געשמועסט? דערציילן אונז חז"ל במסכת **סנהדרין** (קח)[א] אליעזר האט געפרעגט אברהם, **אתון היכן הויתון?** ווי אזוי האבן זיך ענק מסתדר געווען אין די תיבה? האט שם בן נח פארציילט פאר

[א] לשון הגמרא: אמר רב חנא בר ביזנא אמר ליה אליעזר לשם רבא כתיב למשפחותיהם יצאו מן התיבה אתון היכן הויתון א"ל צער גדול היה לנו בתיבה בריה שדרכה להאכילה ביום האכלנוה ביום שדרכה להאכילה בלילה האכלנוה בלילה האי זקיתא לא הוה ידע אבא מה אכלה יומא חד הוה יתיב וקא פאלי רמונא נפל תולעתא מינה אכלה מיכן ואילך הוה גביל לה חיזרא כי מתלע אכלה אריא אישתא זינתיה דאמר רב לא בציר משיתא ולא טפי מתריסר זינא אישתא אורשינה אשכחיניה אבא דגני בספנא דתיבותא א"ל לא בעית מזוני א"ל חזיתיך דהות טרידא אמינא לא אצערך א"ל יהא רעוא דלא תמות שנאמר (איוב כט, יח) ואומר עם קני אגוע וכחול ארבה ימים.

אליעזר: **צער גדול היה לנו בתיבה,** אונז האמיר געהאט גרויס צער אין די תיבה. א בריה וואס עסט אינדערפרי האבין אונז געדארפט פיטערן אינדערפרי, א בריה וואס איר סדר איז צו עסן אויפדערנאכט האבין מיר געדארפט פיטערן ביינאכט. עס איז געווען א עבודה מפרכת ועצומה גאר שווער און נאכנאנדע ארבעט. צום סוף פונעם שמועס דערציילט שם פאר אליעזר איבער א פייגלע וואס האט געהייסן 'אורשינה' (חול בלשון המקרא).

מיין טאטע, נח, דערציילט שם פאר אליעזר, ווען ער פלעגט קומען טיילן די עסן זענען אלע בעלי חיים אים אקעגן געקומען און געמאנט זייער עסן. אבער די פייגעלע 'אורשינה' האט זיך גאר אנדערש אויפגעפירט. זי איז זיך געזיצן אין איר ספעציעלע מדור איר הויזעלע און זי האט נישט געבעטן קיין עסן פון נח. האט זיך נח געוואנדן צו איר, און איר געפרעגט, די דארפסט נישט קיין עסן? האט די פייגעלע געזאגט פאר נח: כ'זעה אז די ביסט זייער פארנומען, ממילא וויל איך דיר נישט מצער זיין! נח איז איבערגענומען געווארן פון התפעלות, און ער האט איר געוואונטשן א ברכה: **יהא רעוא דלא תמות,** עס זאל זיין די ווילן אז די זאלסט קיינמאל נישט שטארבן!

רב קנר (איגרת לידיד מאמר עדינות הנפש) ברענגט ארויס די מעשה מיט קאלירפולע נאטיצן. נח האט זיך געפונען אין א דור פון 'ותשחת הארץ לפני האלקים ותמלא הארץ חמס' עס איז געווען א דור מושחת במידות. די גאנצע בריאה איז געווען מושחת, די לייב האט געביסן נח פארן פארשפעטיגן צוגעבן צועסן, נח האט דאן מתפלל געווען **'הוציאה ממסגר נפשי להודות את שמיך** (ב"ר לד). אט דאן אין די טונקעלע מאמענטן הערט נח ריינע ווערטער פון א פייגעלע, זי איז גרייט צו פאסטן, אבי ער, נח, זאל נישט האבן קיין צער. פון וואס רעדט מען דא? פון פיטערן א וויזל טיר אדער א לייב? מ'רעדט דאך דא פון א גאר קליינע פארציע פאר א קליין פייגל פיסקל. אבער עכ"ז רעכענט זיך די פייגל מיט נח.

פרעגט רב קנר וועלכע מסר האט שם געוואלט דא זאגן פאר אליעזר? שרייבט ער גאר פאסיגע רייד. שם האט געזאגט פאר אליעזר, עס וועט נאך קומען א טאג ווען אברהם וועט דיר שיקן אלס א שליח צו זוכן א שידוך פאר זיין יצחק, א שידוך וואט וועט בויען דעם בנין הנצח דעם בנין בית ישראל לעולמי עד. אליעזר, זאגט אים שם, געדענק, געדענק דאס פינטעלע איידעלקייט וואס האט אזוי איבערגענומען מיין טאטע. ווען עס קומט צו העלפן א צווייטן, דאן טוט דאס 'איך' נישט תופס זיין קיין מקום, כ'דארף גארנישט, געדענקט די ברכה פון יהא רעוא דלא תמות. די הכנעה, די הטבה, דאס הכרת בזולת און השתתפות בצערו, אויף דעם זאלסטו קוקן.

עס איז געקומען די צייט, אליעזר האט מיטגענומען מיט זיך די ווערטער פון שם. זיין איז געווען 'גם גמליך אשקה'. דער אור החיים הקדוש לערענט אונז די אצילות שבחסד פון רבקה. 'ותורד כדה על ידה ותשקהו' כדי שלא יטרח הוא בשאת הכד לשתות. זי האט געוואלט שפארן פון אליעזר אומזוסטע טירחא. ותשקהו, שלא יצטרך הוא אפילו להטות הכלי.

די קליינע קינדער פון **הגאון רבי אברהם פאם זצ"ל** האבן אמאל געטראפן געלט אויפן גאס, זיי האבן זיך זייער געפריידט אז זיי קענען קויפן א נאשעריי אין געשעפעט. האט זיך דער ראש ישיבה געוואנדן צו זיינע קינדער און זיי געגעבן א לעבנס וויכטיגע הדרכה. טייערע קינדער, על פי הלכה געהערט דאס געלט פאר ענק, עס איז נישטא קיין מצוה פון השבת אבידה ס'פארמאגט נישט קיין סימן. אבער איך בעהט ענק, בעפאר ענק גיין צום געשעפט עפעס קויפן, ווארט צו אביסל. מסתמא יענער וואס האט פארלוירן די געלט איז נאך שרוי בצער איבער זיין אבידה. צו קען זיך א איד פרייען מיט די זאך וואס יענער איז בצער?

לאמיר זיך צוריקערן צו די גמרא בסנהדרין. חז"ל פארציילן אונז אז שלשה לקו בתיבה, דריי זענען נענש געווארן צוליב זייער אויפפירונג בתיבה. איינע פון די דריי איז געווען 'חם', חם לקה בעורו. חם האט עוסק געווען אין אייגענע הנאות אין די צייט וואס די וועלט איז געווען שרוי בצער דעריבער איז ער אין אלע זיינע דורות נתקלל געווארן. אין **פרקי דרבי אליעזר** (פרק כד) לערנען מיר: **ברך לשם ובניו שחורים ונאים** (זעה שערי מדע 'אידישע ראסע') וכו' **לחם ובניו שחורים כעורב.** תיכף נאכן ארויסקומען פון די תיבה איז חם שווארץ געווארן. ובהוספות הרד"ל על אתר צייכענט ער צו די ירושלמי תענית און מדרש רבה בראשית און תנחומא פרשת נח. אז די אויגן פון די שווארצע זענען 'רויט' על שראה בעיניו, ועל שהגיד בפיו האט ער גראבע ליפן, ועל שחזר פניו נתרכך איז זיין האר אזוי ווי סטי"ל וואל כצמר הכבשים, וכ"כ הטבעיים אלו לסימני הכושים השחורים (לשון הרד"ל).

זעהן מיר דא די קאנטראסט פון גוט קעגן שלעכט. די אידישע סימן פון רחמנים וכלשון הרמב"ם 'רחמנים הם על הכל' נישט זיך אליינ'ס אינזינען האבן ווען יענער איז בצער. קעגן דעם שווארצן חם ובניו וואס גייען מיט זייערע תאות און הנאות ווען די וועלט איז בצער.

די אשה הצדקנית און הבחור הקדוש משה הערש זענען געווען באוויסט אלס שטארקע בעלי חסד. זייערע נשמות האבן זיכער זוכה געווען צו די ברכה פון יהא רעוא שלא תמות לעולם. דערקעגן להבדיל אלף אלפי הבדלות די שמוציגע און נידריגע שווארצע רוצחים בני חם.

## את בתי נתתי ל'איש' הזה

גדולי עולם ווען מ'האט זיי געפרעגט איבער שידוכים איז זייער הדרכה אייביג געווען קודם מדות, נאכדעם יראת שמים, און נאכדעם תורה. לעולם יהא 'אדם' און דערנאך 'ירא שמים'. נקדים, ווען מיר רעדן פון אונזער קדוש הבחור משה הערש איז ער געווען גאר גרויס בתורה (שמעתי מחבירו) ועולה על כולנה איז זיין עדינות הנפש און אויסערגעווענליכע איבערגעבנקייט פאר אנדערע. מיר שרייבן דאס ווייל מיר ווילן צוקומען צו א נקודה וואס וועט זיין א גרויסע תועלת בעניני שידוכים למען הכלל.

דער גור'ע רבי דער פני מנחם זצ"ל האט אמאל געזאגט א יסוד גדול בשידוכים: מנסיון חיי האב איך געזעהן אז עס נישט מן הצורך צו נעמען דוקא א בחור וואס איז פארערכענט אלס 'דער בחור' פון ישיבה

דער תלמיד חכם עצום. כ'קען בחורים (ממשיך הפני מנחם) וואס בשעתם זענען זיין געווען מוצלחים ביותר, אבער בהמשך החיים האט זיך אויסגעשטעלט אז זיי זענען צו גארנישט אנגעקומען. אבער די בחורים וואס זענען געווען בדרגת פון בינוני איז עתידם עלה יפה, זיי זענען יא אויסגעוואקסן. דער בחור וואס איז געווען דער מוצלח אין ישיבה, האט באקומען פון זיין שווער א דירה בעיר הגדולה, נאך די חתונה זעהט מען ווי ער שטייט אויף שפעט און דאווענט שפעט, מתחילה לייגט מען עס אן אז עס איז צוליב די מידקייט פון די שבע ברכות. אבער גאר שנעל זעהט מען אז עס ציהט זיך ווייטער. אזוי אויך שבת ביים סעודה ביים שווער רעדט ער נישט מער קיין דברי תורה. די סיבה דערצו, וויבאלד ער איז געווען א 'מושחת במידות' זיינע כשרונות זענען משובחים בבחרותו. דער מגיד שיעור איז נתלהב געווארן פון אים צוליב זיינע קענטעניסן אין ישיבה. די כסדרדיג'ע קאמפלימענטן פונעם מגיד שיעור ווי גוט ער קען די שיעור און אז ער טרעפט צו, צו קשיות פונעם פני יהושע און די קצות און ער פארשטייט די עמקותדיגע ביאור פונעם מגיד שיעור, דאס האט אים געמאכט פלייסיגער לערנען אין ישיבה, אבער זיינע מידות זענען קיינמאל נישט אויסגעארבעט געווארן. נאך די חתונה האט ער מער נישט די מגידי שיעור וואס זאלן אים קאמפלימענטירן, ממילא ווערט זיין לערנען אפגעשוואכט, און בלייבט בלויז איבער מיט זיינע שלעכטע מידות. זיין פרוי פאנגט אים אן צו דערמאנען אז זי איז מער פון אים, ווייל די דירה האט 'איר' טאטע געגעבן. ער בענקט זיך צוריק צו די בחורישע יארן אין ישיבה.

משא"כ דער בינוני בחור מיט די מידות טובות, וואס די מגידי שיעור זענען נישט איבערגענומען געווארן פון זיינע קענטיניסן, נאר אדרבה זיי האבן אים כסדר מאיץ געווען, נא, לערן שוין בעסער וכו' וכדו' ער, נאך זיין חתונה ווייסט צו שעצן וואס ער באקומט, ער ווערט שוין נישט גערודפ'ט פון די מגיד שיעור, ער איז קיינמאל נישט געווען געאוואוינט צו לערנען בלויז מיט א קאמפלימענט. יעצט לערנט ער מרצונו הטוב, זיינע מידות זענען אויסגעארבעט און לעבט א חיי נחת. ע"כ.

די דברים מחכימים דארף זיין א חיזוק פאר די וואס מיינען אז נאר בעלי יכולת קענען זיך איינקויפן א בחור א מציון. ווי דער פני מנחם אנדעקט איז דער בינוני צומאל נאך בעסער. בודאי אשרי מי שיש לו שניהם מידות עם תורה. אבער די מציאות איז א פאקט.

**לסיומא:** א איד האט זיך אמאל אויסגערעדט פאר הגאון האדיר רבי פנחס הירשפרונג זצ"ל אז מ'האט אנגעטראגן זיין קינד פאר איינעם פאר א שידוך, און יענע זייט האט אפגעזאגט. האט אים רבי פנחס געזאגט: פאר מתן תורה האט מען געפרעגט אלע פעלקער צו זיי ווילן מקבל זיין די תורה, און אלע האבן געזאגט לבסוף ניין! נו, צו איז די תורה קלענער געווארן ווען די גוים האבן געזאגט ניין?! ווען מ'זאגט איינעם אפ ווערט מען נישט קלענער.

**עפילאג: מידות טובות איז דער שליסל, נישט אייביג איז דער מציון טאקע א ברכה, און איר ווערט נישט קלענער ווען איינער זאגט ניין!**

שערי מדע

ענייני חכמה ומדע על פי חז"ל

## מכון שערי מדע

**הרב משה נחום קרויס**

**עורך ראשי**

■ ■ ■

להערות והארות און אזוי אויך פאר סיי וועלכע אינפארמאציע

אדער צו ערהאלטן אונזער וועכנטליכע גליון דורך אימעיל

**פארבינדט אייך מיט'ן מכון אויף:**

Moshe@dermentch.com

**אדער פעקסט צו:**

718.228.4311

■ ■ ■

כל הזכויות שמורות

© Copyright '15 by:

**Mechon Sharei Mada**

No part of this Gilyon may be reproduced in any form, without written permission from the copyright holder.

■ ■ ■

**Graphics done by:**

Gedank Productions

you brainstorm... we'll perform!

718.218.4583

Jobs@GedankProductions.com

**Weekly Page Layout by:**

מערכת להתענג

Lehisaneg@gmail.com